# פּיניעלע מזיק

## גיט נישט קיין לשון



— פּיניעלע מזיק גיט היינטיגע וואָך נישט קיין לשון, אויף אונזער אָנפראַגע, וואָס איז געשעהען, האָט פּיניעלע געענטפערט:

— כעב ענק פּאַטאַטשן, עס עץ אַלייגט זעהּ פשעקינירן, אַז איעהּ בין גיראַכט.

דעים פּראַטיג אָב איעך גיגאַט כיישיק צי געיבן אין טאַטנס טאַטן אַראַן די קוב־דידאַטן צין טיים ציניזאַמעט מיט די אַלע וואָעס פענטין זעהּ מיט די קוב־דידאַטן. אָב איעהּ מיעך, אָבער איבערגעלייגט, ס'איז גלאַכער צי האַלטן ס'פּעי, מאַנע קילעגן פין שמולן געסל זוגן אָכעט אַזוי:

— פּיניעלע זאַ ניש ,קאַ פּראַיער אין האַלט ס'פּעי.

ני, בין איעהּ גיראַכט?

זאַץ מיער מויכל, וואָעס איעהּ געב האַנט ניש קא לושן, מעירטשים דעם צווייטן פּראַטיג עמער זעהּ זעיען אין פריידן.

## דער געניאַלער זכרון

### פון דער מוהמע גנענדעל

די מוהמע גנענדעל האָט אַ געניאַלען זכרון, פרייטאָג געהט זי אויפּ'ן מאַרק איינקויפען אויף שבת פאַר דער גאַנצער משפּחה, און געדענקט געבוי, וואָס איינער האָט ביי איהר בעשטעלט.

פרעגט מען זי: מוהמע גנענדעל, ווי אַזוי געדענקט די מוהמע דאָס אַלץ אויפּ'ן קאָפּ?

— ס'איז גאָרנישט אַזוי שווער, הערט ווי אַזוי:

אַ מאַנדעל אייער פאַר'ן פעטער מאיר. אַ קעזעל פאַר דער שכנ'טע מיט'ן געפּודערטען נעזעל. סאַלאַטען פאַר'ן טאַטען, אַנ'אָסילקע פּוטער פאַר דער מוטער, אַ קווייטירל צוואָריך פאַר'ן פעטער טרה, אַ היהנדעל פאַר מיין זיהנדעל. אַ קילאָ באַריגעס פאַר אונזער פּרנס, פרישע בייגעל פאַר דער געלער פייגעל. אַ טעפּעל פאַר דער מוהמע העגדעל. פאַר מיר אַ צוויי חלות — דאָס איז אַלעס.

## שוין איינמאל אַ קוקער!

### מעדלעך צווישעז זיך

— כ'זאָג איהן, גוטשע, האָט מיין קאַלעזשאַנקע רוזשע געכאַפּט אַ חתן. שטעלען זי זיך פאָר, מיר געהען אַלע, איך, רוזשע און דער חתן, האַלט ער רוזשען פעסט געאַרעמט און אויף איר קוקט ער.

— טאַקע? אַזאַ פטאַשעק איז ער??

— עי, אַזאַ שיקעלדיגער איז ער!

גראף קאַלי.

# אלול־מעל־אדיען

חודש אלול איז געקומען,
בלאָזען ווינטעלעך שוין קיהלע,
עמ'ץ לופטערט שוין אַ מחזור,
ערגיץ זוכט מען א בעל־תפלה...

עמ'ץ געהט אויף קבר אָבות,
זוכען, וועקען דאָרט רחמנות,
אויך אפילו משומדים,
היטלער'ס עלענדע קרבנות...

און דער יודישער בית עולם,
אויפגעלעבט האָט גאָר נישקשה
אין דער „אל מלא רחמים“־בראַנזשע
איז אַצינד אַ גרויסע האָסע...

און דער אַלטער „מעבור יבוק“
ווערט שטאַרק געפאָדערט ווידער,
מעהר ווי סעגאַלאָוויטש־בענדער
מעהר ווי איציק מאַנגערס לידער...

ברעטער פאַלען פון די בוימער,
פויגעל פלאַטערען אין נעסט,
ווי א לאָדזער פאַבריקאַנט'ל
ביים דערהאַלטען א פּראָטעסט...

ווייבער קומען פון די דאַטשעס
אָפּגעברענט און געל און גרין.
אלעס ציטערט, אַלעס פלאַטערט,
פאַרן גרויסען יום הדין...

ס'געהט א יום הדין, רבותי,
און עס פלאַטערט דער געדאַנק,
צי מלחמה, אָדער שלום,
צי דער אַקער, צי דער טאַנק?...

ניין, מען שפּירט אַצינד קיין פולוועך
און קיין גיפטיג־גאַזען־קראַפט
עפּעס האָט גענומען שמעקען
אויף דער גאַנצער וועלט מיט נאַפט.

און אפילו איך, גראף קאַלי,
האָב דאָך לאַנג שוין אַנערקענט:
דאָרט וואו נאַפט איז נאָר פאַרהאַנען
דאָרטען עפּוש'ט און עס ברענט...

— וו —

כאָטש ביי אונז אין לאָדז, רבותי,
איז נישטאָ פון נאַפט די קוואַלען
דאָך עס „שמעקט“ אויך גאַנץ נישקשה
פון די קומענדיגע וואַהלען...

נאָר פאַר וועמען זאָל איך שטימען,
ווייס איך טאַקע נישט אַליין
אלע זענען גרויס און מעכטיג,
אלע זענען גוט און שעהן

וואָרי'ל איז דעם וואָס ווערט א פּאָסאָל
דאָ אין פּוילען איצטער זיין:
מיר נאָר וועלען האָבען ראָסעל
אָבער ער, וועט האָבען ווייַן...

## אויף דער באַהן

סוחרטע מיט פּאָמעראַנצען (צו אַ יודענע):

— נעמט א פּאָמעראַנץ איהר וועט דערפאַר לעבען 120 יאָהר.

יונגערמאַן (וואָס זיצט דערנעבען): מ'־דאַרף נישט.

פּאָמעראַנצען סוחרטע (צום יונגערמאַן): — וואָס אַרט איהן, אַז די פרוי וועט קויפען ביי מיר אַ פּאָמעראַנץ?!

יונגערמאַן: די פּאָמעראַנץ אַרט מיך נישט, נאָר די 120 יאָהר אַרען מיך — די פרוי איז מיין שוויגער.

איהר מוזט זיין אַ סוחר, זאָגט איין יוד צום צווייטען.

— פון וואַנען דרינגט איהר דאָס?

— ווייל היינטיגע סוחרים קאָנען שוין אויף די פיס נישט שטיין, און איהר שטייט טאַקע נישט אויף אייערע פיס נאָר אויף מיינע.

## טייערע איירעמלעך

— כ'זאָג אייך האָב איך געפּאַקט אַנ'איירעמעל — אַ גאָלד, ער פערלאַנגט גאָרנישט דעם נדן.

— דיין איידעם איז גאָלד, און מיין איידעם איז אַ בריליאַנט, אַ חוץ דעם, וואָס ער פערלאַנגט נישט דעם נדן, האָט ער מיר אַפילו מיין טאָכטער אויך צוריקגעגעבען.

## אויף דער פייפער־בקע

— דע, פייפּקע, אַז דו האָסט געוויגען אויף דער לאָטעריע, וועסטו באַטטירען פון פאַך?

— שמאָנדאַק איינער, איצט וועל איך ערשט מאַכען איין מאַסמאַטן נאָכ'ן אַנטערען, וואָרום איך וועל דאָך מיר קענען ערלויבען צו נעהמען אַ גוטען אַדוואָקאַט!

# א דאנק

אַלע די, וואָס האָבען מיטגעווירקט צום טויט פון מיין

# שוויגער

ווי: דער חשוב'ן דאָקטאָר זאַשטשיקאָווסקי, וואָס האָט די אַסטמע־ליידענדע געהיילט אויף אַטירעטיס. דעם ה' דאָקטאָר לעוועטיווע, וואָס האָט בעת דער קאָנסיליום געכראָפּעט און מיט דער נאָי צוברואָכען אַנ'עלעקטרישע לאָמפּ. דעם אַפּטייק־בעזיצער, וואָס האָט אַנשטאָט וואַ... קראָפּלעס געגעבען יאָדינע. די טשלאָנקעס פון „חסד של אמת“, וואָס האָבען זי אָפּגעהויבען, און נישט געלאָזט זי זאָל חרטה טענה'ען — זיי אַלע דריק איך אויס אַ האַרציגען דאַנק.

דער ט... טרויעריגער איידעם.

# דער קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●
צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק ●
ביילאַגע צום „נייעם פאלקסבלאַט“ נומער 209
פרייטאג, דעם 6 סעפּטעמבער 1935

# אזויפיל וואסער!..



דאס איז נישט איז טרוסקאוויעץ ביי דער „נאַפטושא“, נאָר אויף א וואה ל־מיטינג.

